ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# עת לעשות

אידיש

**697**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# ספר

# עת לעשות

מהרב הגאון הצדיק הקדוש המפורסם בכל
קצוי ארץ גודר גדר ועומד בפרץ, לוחם מלחמת
ה׳ להשיב לב ישראל לאביהם שבשמים

כקש״ת מו״ה **הלל ליכטענשטיין** זצוקלל״ה זיע״א

אבדק״ק קאלאמיא והגליל

וכאשר הראשונים כבר ספו תמו. זאת ועוד אחרת, אשר הספר הק׳ הזה נתחבר בלשון שקשה מאד להבינו בגלילותינו ע״כ העתקנו אותו ללשון המורגל בינינו בלי שום גרעון והיפוך כונה ועי״ז יהי׳ יד הכל שוים בו. והדפסנוהו מחדש לזכות הרבים.

*

היות ונבצר מאתנו היכולת להדפיס את הספר בשלימות, נאלצנו להוציאו לאור בקונטריסים כסדרן, נא לשמור על שלימותם ולספחם אחד לאחד עד שיעלה לו בעזהשי״ת לספר שלם ויאפשר לנו על ידי זה אי״ה בגמר ההדפסה לכרכו בכריכה מהודרת.

קונטרס א

פעיה״ק ירושלם תובב״א

שנת **תשכ״ב** לפ״ק

# עת לעשות

## כלל א׳ לדעת חכמה ומוסר ובו י״ג שו״ת

### שאלה א׳

ווען תורה לערנען שטייט אין א טייערן ווערט וויא פיעל טובות איז דער כלל ישראל נהנה דורך דעם.

### תשובה

אין יענע צייטן ווען די ישראל זענען געווען אין איין גרויסע מדריגה און אין איין גליקליכן שטאנד דאס ירושלים איז געוועזן די פרייד פון די גאנצע וועלט, דורך דעם בנין בית המקדש, און מען האט דארט מקריב געוועזן קרבנות, האט דאס גאנצע הייליגע פאלק נהנה געוועזן דורך דעם דריי גרויסע טובות, ערשטנס בזכות הקרבנות האבן זיי זוכה געוועזן צו ברכה (הצלחה ושפע) גליק און פיהל פרנסה, צווייטנס, דורך דיא עבודת הקרבנות אין בית המקדש, איז געווארן געשוואכט אין געבראכן די האנט פין די שונאים אין מציקי ישראל דאס זיי האבן מעהר נישט קיין מאכט צוא דריקן יודען, — דריטענס דאס אללע פעלקער האבן געזעהן אויגן שיינליך דיא גרויסע ליעב שאפט פין השי״ת אוף יידישע קינדער, דאס ער לאסט שטיין אלע הימלען אין מאכט רוהען זיין שכינה ביי אונז. אבער ליידער היות יעצט האבן מיר נישט קיין בית המקדש און קיין קרבנות. און דורך דעם איז דאס אללעס פארלארן, כדי מיר זאלן נישט זיין גאנץ טרייסט לאז און פאר־צווייפלט, איז נאך איין מיטל פארהאנדן דאס מיר וועלן האבן ערזעצט די אללע דריי טובות. דהיינו ווען מיר באשטרעבן זיך מיט אללע מעגליכקייטן דאס מיר זאלין זיך קונה זיין דעם עמוד התורה [דאס הייסט ווען מיר זעהן צו טראכטן אין צו זארגן אז דאס תורה לערנען זאל צו יעדער צייט תמיד פארגרעסער ווערן]. דען אוף איין יעדן פלאץ ווי עס ווערט גילערנט תורה. איז השראת השכינה, ווי די משנה זאגט (שלשה שיושבין עשרה שיושבין, שכינה שרוי׳ ביניהם) דריי אדער צען אז״וו. וואס זיצן אין לערנען תורה, איז זייער זכות גורם דאס די שכינה

רוהט צווישן זיי, און דאס דער זכות פון תורה לערנען קען ברענגען ברכה אין הצלחה אין שפע. דאס איז יא איין מקרא מפורש (אם בחוקותי תלכו, אם אתם עמלים בתורה, ונתתי גשמיכם בעתם) ווען איהר וועט אייך בעמיהען מיט תורה לערנען, וועל איך געבן אייערע רעגן אין די רעכטע צייט, און דאס דער זכות פון תורה לערנען בעשיצט אונז פון צוררים און שונאים באווייזן פיעל פסוקים (על כן יאמר בספר מלחמות ה׳) ווען איהר בעפלייסט אייך צו לערנען תורה וועט השי״ת קעמפן פיר אייך אייערע מלחמות (עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים) אונזערע סאלדאטן האבן דערהאלטן זייער פלאץ אין די מלחמה אין דעם זכות וואס מען האט געלערנט תורה אין די בתי מדרשים פין ירושלים.

יעצט היות תורה לערנען איז אזוי טייער און חשוב, וויפיהל איז יעדער איינער שולדיג צו טוהן אללעס מעגליכעס, הן דאס ער אליין זאל לערנען לויט זיין פארשטאנד און וויסנשאפט, הן דאס ער זאל זיינע קינדער ערציען צו תורה לערנען, הן דאס ער זאל געבן אונטערשטיצונג פאר ארמע לומדי תורה *), און אסאך מעהר ווען עס שטעהט אין זיין כח און פארמעגן דאס ער זאל געבן זיינע טעכטער פיר לומדי תורה לנשים, און זיי אינטערשטיצן מיט אללע מעגליכקייטן.

## שאלה ב׳

**ווי ווייט ווירקט דאס תורה לערנען אויף די יראת שמים.**

---

*) ווען אויך דאס איין יעדער ערליכער יוד וואס השי״ת האט איהם געבענטשט מיט פארמעגן, איז איין (נדיב לב), האט איין אפענע האנט, און באדינט זיך מיט זיין געלט נאך די פארשריפט פון די תורה, (אבל אינו דומה מועטים עושים מצוה לרבים העושים מצוה) דאס דער שכר איז ווייט גרעסער, ווען די מצוה ווערט אויס געפירט פין פיעל מענטשן צו זאמען, ווי נאר דארך איינצעלנע, דאס הייסט איין יעדער פאר זיך, דעריבער איז איין גרויסער יושר און שולדיגקייט דאס אין איין יעדע קהילה קדושה זאל זיך שאפן איין חברה מחזיקי תורה ווי יעדער איינער זאל געבן נאך זיין כח וועכנטליך איין געוויסע סכום און פין דעם זאל מען אונטערשטיצן די ארמע לומדי תורה, וואס זיי זאלן מוזן דארך דעם געוויסע שעות אין טאג זיך צוזאמען קומען צו לערנען תורה ברבים.

## תשובה

אויף דעם זאג איך דיר דוא זאלסט וויסן. דאס וואס האט געשטארקט פאר יידישע קינדער זייערע הערצער (מימות עולם) אין אללע צייטן, דאס זיי זאלין בלייבן געטריי דעם הייליגן דת, איז נאר די מצוה פון תורה לערנען. וואס איהר ווערט איז אזוי גרויס דאס זי וועגט איבער אללע מצוות, דאס הייסט, עס איז איין שולדיגקייט אויף איין יעדן יוד אהנע אויסנאהם צו יעדע צייט, דאס ער זאל לערנען תורה א יעדען טאג, ווי פיהל די צייט ערלויבט איהם נאר, איין יעדער נאך זיין פארשטאנד, קען איינער, גמרא, איינער נאר מדרש און ספרי מוסר, איינער נאר ספרי מוסר אויף יידיש טייטש.

און ביים גרויסן יום הדין איז די ערשטע פראגע נור אויב ער האט זיך באשעפטיגט א יעדן טאג מיט תורה און אין די צייטן פון חורבן ירושלים, חאטש דאס זיי האבן דאמאלס פיעל עבירות געטהון. האט דאך נאר מיינסטנס גורם געווען דאס זיי האבן געמוזט גיין אין גלות, און דאס בית המקדש און ירושלים איז פארשטעהרט און פארברענט געווארן. ווייל זיי האבן פארנאכלעסיגט די מצוה פין תורה לערנען. די סיבה דערפין פארוואס דאס תורה לערנען האט אזוי איין גרויס חשיבות, און שטייט אין א טייערן ווערט. איז ווייל דער צוועק וועגן וואס איין מענטש איז באשאפן געווארן, איז נאר דאס ער זאל האבן יראת שמים (און דער מענטש במשך זיין גאנצע לעבנסצייט מוז ער אנטקעגן זעהר פיעל זאכן קעמפן, וואס זיי ווילן איהם שטערן פון יראת שמים און מעשים טובים) און יראת שמים ווי מען דארף האבן, קען מען נישט זוכה זיין. ביז מען טוהט זיך נישט באהעפטן אין תורה לערנען. און ווי מעהר ווי גרעסער עס איז זיין וויסנשאפט אין תורה. אזוי ווערט זיין יראה אויך פארגרעסערט דורך דעם, אזוי ווי איין זייער א גרויסער שטיב וואס האט נישט קיין פענסטער. און דארט איז זייער פינסטער. און ווען מען צינדעט אן איין קליין ליכט, ווערט די גאנצע שטיב באלייכט. עס זאל אבער איינעם נישט וואונדערן ווי איז מעגליך דאס איין קליין שטיקל פלאם, זאל האבן דעם קראפט צו פארשטויסן איין פולע שטיב מיט פינסטערניש, דער טעם דערפון איז, ווייל באמת איז דער חושך נישט קיין אזוי איין זאך, וואס מען זאל קאנען זאגן דארויף, דאס עס איז עפעס איין ממש, עס איז נאר איין (העדר האור) דאס ליכט פעלט. דאריבער ווען עס איז

שוין דא איין ליכט. איז מעהר נישט צו זעהן קיין חושך, אזוי אוך אזוי לאנג ווי איין מענטש דערוויטערט זיך פין די תורה וואס עס ווערט גערופן אמת, אזוי מיינט ער און עס קומט עם פאר דאס פיעל זאכן פון עניני עוה״ז דהיינו, רייכטום, כבוד, גדולה, דאס זיי זענען איין פארמעגן, אין זיי פארדינען דאס מען זאל זיך וועגן זיי פלאגן און באמיהען כדי זיי זיך צו פארשאפן, און ווען מען קען זיי נישט דערגרייכן זאל מען זיין אוממוטיג, אין זיך מצער זיין דעריבער, ווען מען באהעפט זיך אבער אין תורה, און איבערהויפט אין ספרי יראה ומוסר, דעמאלט זעהט ער איין א יעדן טאג מעהר דאס די אמתדיגע הצלחה איז נאר ווען מען טוהט זיך באשטרעבן וועגן יראת שמים און מעשים טובים, אבער אנדערע הצלחות פון עוה״ז ווען זיי זענען ווי גרויס, זענען אללע נאר איין הבל נדף ושקר מוחלט, לעהרע אומניצליכע זאכן, און זיי פארדינען נישט דאס מען זאל די טייערע ציית וואס מען העט זיך געקענט באשעפטיגן וועגן די אמתדיגע הצלחה, וועגן זיי צו פארווענדן, און דורך דעם וויל ער פארשטייט שוין דעם שקר, אזוי ווערט פארלאשן אין זיין הארץ די אהבה אין דער גלוסט צו עניני עולם הזה און ער קומט אזוי ווייט דאס דיע שעות אליין וואס עס איז איהם נישט מעגליך אנדערש און ער מוז זיי פארווענדן וועגן צו זיכן פרנסה איז ביי איהם צו לאסט און (לעבודה קשה ולעול ולמשא) אזוי ווייט גייט דער קראפט פון די תורה, דאס דורך איהר עפנט דער מענטש זיינע אויגן און דערקענט דעם אמת און באשטרעבט זיך דורך דעם זיין גאנצע לעבנס צייט נור צו פארמערן תורה און מעשים טובים, נאך וויטער געהט די אייגנשאפט און דער קראפט פון די תורה דאס ווען אויך איין מענטש איז שוין געוועזן איינמאל פארנארט, אזוי דאס פיעל יאהרן פון זיין לעבן זענען איהם פארפלאסן מיט אום ניצליכע ענינים, ווען ער באהעפט זיך אין תורה לערנען. און ווי מעהר, ווי גרעסער עס איז זיין וויסנשאפט אין תורה. פון זיין שלאף און פארלאזט דעם שלעכטן וועג וועלכן ער איז געגאנגען.

אבער ליידער לײדער פאר טונקלט און פארפינסטערט איז אבער דער שטאנד פון אונזער היינטיג דור, ווען מען וויל זיך באטראכטן, פיעל געגענטן וואס זענען גאנץ וויעסט און לעהר און פרעמד פין תורה און אין די געגענטן און שטעט אליין ווי מען פיהרט זיך נאך כשר און יידישלאך, פון דעסט וועגן פארפיערט דער יצה״ר זייער פיעל מענטשן. די ליעב צו תורה

לערנען אין גאנצן צו פארלעשן אדער צו שוואכן . . .צו שוואכן דאס הייסט ווי אין די פריערדיגע צייטן זענען שוין אום דריי א זייגער פארטאג פול געוועזן אללע בתי מדרשים מיט יודן פון אללע סארט קלאסן. וואס זיי זענען געקומען תורה לערנען אדער צו עבודת ה׳. תהלים. חצות, א. ד. ג. היינט איז בעוה״ר זייער פארוויניגערט געווארן. דאס איין טייל בתי מדרשים בלייבן גאנץ פארשלאסן ביז עס קומט די צייט פין דאווינען, אין די איבריגע זענען פאר וועניגערט געווארן אין כמות און אין איכות. פארלאשן דאס הייסט, דאס פיעל עלטערן געבן זייערע קינדער צו א זאלכע מלמדים. לעהרער׳, וואס זיי זענען אפיקורסים און כופרים [וואס זייערע רייד זענען אסאך מעהר געפערליכער ווי דער גיפט פין ברענענדיגע שלאנגען וואס טוען גורם זיין ביי דעם קינד צו פארלעשן און אויסציווארצלען די עיקרי אמונה] ווי נישט נאר אז דאס קינד ווערט נישט ערצויגן אויף די שויס פין תורה און יראה, [דאס מען זאל איהם איינשארפן דאס עס עקזיסטירט איין אויפזיכט אויף אללע טריט פין מענטש און אויף אללע זיינע מעשים און דאס עס איז פארהאנדן איין דיין האמת וואס באלוינט און באשטראפט. און דאס מען זאל איהם אויפקלערן אין איינפרעגן די ליעב צו השי״ת] ווייל צו לערנען מיט איהם ספרי מוסר און דינים פון חיי אדם לא יזכר ולא יפקד. נאר וואס דען מען פארברענגט די צייט מיט (דברי שטות והיתול) אומניצליכע זאכן, וועלט באשרייבונג, נאטור לעהרע, דאס ער זאל וויסן גענוי ווי אזוי די חי׳ וואס זי ווערט גערופן טיגער בויט זיך איהר הויז נעבן דעם ים מיט חכמה. און וויפעל ציין דער עלעפאנט פארלירט יעדעס יאהר. און ווי גרויס איז די נאז פון עלעפאנט *) וואס עס ווערט גערופן רוסל, און דאס זיי זאלן באקאנט זיין אין די מפה, איבערהויפט דאס זיי זאלן וויסן אללע הויפט שטעט פין די וועלט ווי זיי ווערן גערופן. און דאס גלייכן, און היות דער (יצר לב האדם רע מנעוריו) דער טריעב פין דעם מענטש איז פון זיין יוגענד אן צו שלעכטן, און קיין גרונדשטיינער פון אהבת תורה און אהבת האמת והיראה וואס זיי זאלן איהם געבען כח שפעטער

---

*) ווי קען ער דען זוכה זיין צו חיי עולם הבא ווען ער האט נישט פין דעם אללעס איין גנויע וויסנשאפט. ווייל דאס וואס דער פסוק שרייבט (אחרית רשעים נכרתה, רשעים בחושך ידמו, ימטר על רשעים פחים) דאס מיינט מען נאר א זאלכע וואס האבן נישט קיין בילדונג.

צו האלטן מלחמה קעגן די תאוות, איז קיין מאל נישט געלייגט געווארן, יעצט איז דאך מיט א זאלכע קינדער צו האבן הארצרייסענדע מיטלייד, ווען מען וויל זעהן זייערן צוקונפט אויף פאר אויס, אויף וועלכן אופן מיט וועלכע שלעכטע מעשים זיי וועלן פארלעבן זייערע יאהרן, ווען מען וויל זיי גיט באטראכטן זענען זיי ווי איין קינד וואס איז געפאנגען געווארן צווישן פרעמדע פעלקער וואס זיי האבן איין אנדערן גלויבן, און ווען ער קומט שוין אויך צו די ימי ירידה והזקנה, די עלטערע צייט ווען די כוחות נעמען אפ, ווען דאס פייער פין די תאוות ווערט דעמאלט געשוואכט, אזוי העט ער שוין געהאט כח צו האלטן מלחמה געגן זיי, און חרטה צו האבן אוף זיין פירונג פון די ערשטע יאהרן, אבער עס איז אומזינסט, ווייל ווי קען מען האלטן מלחמה אהנע (כלי מלחמה) פארטיידיגוגנס געווער ווייל נאר די תורה איז איין כלי זיין צו האלטן מלחמה געגן דעם יצה״ר און תאוות העולם הזה, און ער איז פון איהר זייער דערוויטערט אזוי איז (אוי לו ואוי לנפשו) וויי איהם און וויי זיין נשמה ער איז אויף אייביג פארלוירן.

יעצט ווען מען נעמט זיך פאר די אויגן א זאלכע חרבות און הריסות צו שטערנוגען פון די תורה בלייבט אונז נישט מער איבריג, נאר מעמקי הלב פון די טיפעניש פין דעם הארץ צו שרייען און וויינען האם תמנו לגוע, וועלן דען די ערנסטע קינדער פון אברהם אבינו אויף הערן צו עקזיסטירן, חלילה, ועל מי לנו להשען על אבינו שבשמים אויף וועמען האבן מיר זיך צו פארלאזן נאר אויף אונזער פאטער אין הימל.

## שאלה ג׳

אויב תורה מיט יראת שמים זענען פארברידערט אדער זיי קענען געטיילט ווערן.

## תשובה

אזוי ווי די יראת שמים איז פארבינדן מיט תורה ווייל ווען מען איז פרעמד און דערוויטערט פון תורה. ווייסט מען דאך נישט גענוי וואס איז אסור אין וואס איז מותר, פיעל מעהר ביי א זאלכע זאכן וואס זיי זענען ביי א טייל מענטשן נעשה כהיתר, זיי ווערן נישט באטראכט פאר קיין עבירה, דהיינו לשון הרע, רכילות, מחלוקת, בטול תורה, דברים בטלים, הסתכלות על

עריות, צו קוקן אויף נשים, און די מצוות אליין וואס ער ווייסט ווי אזוי מען זאל זיי מקיים זיין. ווען ער איז אבער פון די תורה דערוויטערט, איז אויך זיין יראת שמים בשעת ער טהוט די מצוות אין איין קליינעם (איכות) קוואליטעט ווייל נאר תורה לערנען האט דעם כוח אזוי ווייט אן צו צינדן יידישע הערצער, דאס זייער שמחה איז זייער גרויס דאס זיי האבן די זכיה צו דינען השי"ת, און דורך דעם איז זייער עבודה לוסטיג אין ברענענדיג און פלאמענדיג — און אזוי איז ווידער אויך תורה פארבינדין מיט יראה. היות די חכמות התורה איז נישט קיין חכמות אנושיי איין מענטשליכע חכמה, צוליעב דעם ווען איין מענטש איז נאך ווי אזוי קליג, קען ער זי דאך נישט באגרייפן אין נישט פארשטיין, נאר זואס דען, השי"ת העלפט דערצו, ווי דער פסוק זאגט יצפון לישרים תושיה, השי"ת טוהט באהאלטן די תורה, ביז עס קומט איינער וואס ער איז רעכטפארטיג, דאריבער ווי מער ער איז איין ירא שמים, און ווי גרעסער ער איז אין אמתדיגע אהבת ה', לויט דעם איז ער זוכה, דאס השי"ת געבט איהם מער חכמה און שכל דאס ער דערלאנגט און ער זאל קענען פארשטיין אין די תורה. וואס איין אנדערער וועלכער האט נישט א זאלכע יראת שמים. קען נישט דארט קומען.

## שאלה ד'

אויב יעדעס תורה לערנען האט דעם כח אונטער צו דריקן דעם יצה"ר, אבער נאר א זאלכע תורה וואס עס ווערט געלערנט לשמה, דאס הייסט דאס דער גאנצער ציעל פין דעם לערנען איז נאר צו דערגרייכן יראת שמים.

## תשובה

ווייל נאר דאס תורה לערנען איז איין כלי זיין צו האלטן מלחמה אנטקעגן דעם יצה"ר און די תאוות, און זיי צו באזיגן, ברענגט דאך מיט דער ריינער פארשטאנד, אז ווי בעסער, ווי פיינער, ווי שטארקער דאס כלי זיין איז, אזוי קען מען דורך דעם האפן איין פיעל גרעסערן נצחון צו דערגרייכן *)

---

*) אויף דעם מאחז"ל דאס תורה איז איין תבלין ליצה"ר, דאס הייסט ווער עס לערנט תורה ווירקט זי ביי אהים, דאס (מתגבר על יצרו) ער בהאהערשט זיינע תאוות. און ער זאל זיין איין ירא שמים, וועט יא איינעם זיין ווילד און פרעמד.

ווייל אין הינזיכט פין תורה לערנען זענען פארהאנדן פארשידענע קלאסן.

די ערשטע גאנץ שלא לשמה, דאס הייסט דער ציעל פין זיין לערנען איז נאר צו דערלאנגען דורך איהר כבוד, גדולה, ועושר, אבער דאס ער זאל דורך איהר מעהר פאר שטיין אין איינזען. וואס יראת שמים איז, אין ווי אזוי און אויף וועלכן אופן מען זאל מקיים זיין מצוות דאס אינטערעסירט איהם זייער ווייניג, דער באוויז אויף דעם איז, דאס די מצוה און די יראת שמים וואס ער ווייסט שוין יעצט און פארשטייט, איז ביי איהם אויך גלייכגילטיג און גרינגגעשעצט דאס ער זאל זיך נאר אזוי פירן.

די צווייטע שלא לשמה ולשמה דאס הייסט זיין הויפט ציל איז נאר צו דערלאנגען דורך איהר כבוד וגדולה ער וויל אבער אויך דערגרייכן דורך איהר איין ביסל יראה.

די דריטע לשמה ושלא לשמה דאס הייסט זיין הויפט ציעל איז, ער וויל דורך דעם לערנען זוכה זיין דאס ער זאל באקומען איין ריין הארץ און אהבת ה׳, ער וויל אבער אויך דערביי כבוד און פרנסה.

די פירטע רק לשמה. זיין גאנצער (תכלית) צוועק איז נאר קודש לה׳. הייליג צו השי״ת, דאס זיין גאנץ שטרעבן תורה צו לערנען איז נאר דאס ער זאל זוכה זיין דורך איהר איין אמתדיגער ערליכער יוד צו זיין און אומצייליגע מאהל זאגט ער וויינענדיג פון טיפעניש פון הארץ, עפן מיינע אויגן דאס איך זאל זוכה זיין צו דערגרייכן איין וויט אויג אין די תורה, און דורך דעם וועט מיין הארץ זיין פארבינדן און פארקניפט דיינע הייליגע מצוות מקיים צו זיין. און דאס פייער פון די אהבת ה׳ זאל אזוי אמתדיג און שטארק זיין דאס קיין

---

און עס וועט אים זייער שווער פאלן אמיתיות הדבר׳ אויב עס איז אזוי אין די ווירקליכקייט. ווייל ער זעהט פיעל מענטשן. וואס זיי האבן נישט נאר איין וויסנשאפט אין די תורה. נאר זיי טראגן אויך דעם טיטל מורינו. און זענען געדעכגט צווישן בני תורה. ווי אויך איין טייל טראגן גאר דעם טיטל רב. איז דאך איז זייער יראת שמים און זייער פירונג זייער געמיין אין אללע הינזיכטן, היות ער הערט אבער דאס עס עקזיסטירט פארשידענע כלי זיין, אזוי וועט איהם שוין א זאלכעס נישט זיין אזוי אופפאלענד. ווייל וואס קען מען דען מיט איין זאלכע שווערד (וואס זיין שטאל איז גאר געמיין אייזן, און איז נישט געווארן פאבריצירט אין איין ארנטליכע פאבריק נאר פון ציגיינער שמידן. און נישט געשליפן, נאר זי איז שטומפיג און פארראסט) אהער שטעלן (וישמע חכם ויוסיף לקח).

פרעמדע געדאנקן פון אנדערע אינטערעסן זאלן נישט זיין דערביי פארמישט. נאר וואס גאר כולה כליל לה׳.

יעצט ווען דער תכלית פון זיין לערנען איז נאר וועגן אהבת ה׳, דאס זיין הארץ גלוסט תמיד און עס בעט צמאה לך נפשי (מען האט געפרעגט איין חכם ווי איז השי״ת, האט ער איהם תשובה געגעבן אין איין יעדעס געטרייעס הארץ וואס וויל איהם און זיכט איהם אמתדיג) איז השי״ת וואס פריווט די הערצער אזוי דערפילט ער איהם זעכער זיין פארלאנג. ווי דער תנא זאגט דער וואס ער לערנט תורה לשמה העלפט איהם צו די תורה, דאס ער באקומט איין ריין הארץ. דאס ער דערווייטערט זיך פון איין יעדן חטא אין טהוט זיך באשטרעבן קונה זיין פאר זיך איין יעדע מצוה און זי מקיים צו זיין.

## שאלה ה׳

אויב יעדע תורה איז איין סם חיים, אבער נאר א זאלכע וואס זי איז פארבינדן מיט יראת שמים. און אויב תורה אהנע יראת שמים איז שעדליך און געפערליך אדער נישט.

## תשובה

וועלכע תורה האט דעם קראפט דאס דער מענטש קען דורך איהר אונטערדריקן דעם יצה״ר און אללע תאוות איז נאר איין זאלכע תורה וואס מען לערנט לשמה, דאס הייסט על מנת לעשות, דאס די כוונה פון דעם גאנצן לערנען איז ביי איהם נאר, ער וואלט גערן געוואלט זיין איין ערליכער יוד ער וואלט גערן זיין גאנצע לעבנסצייט נאר זיך באשטרעבט תמיד צו טיהן דעם ווילן פון השי״ת. היות אבער איין מענטש איז אליין אומגעציימט און אומוויסענדיק, דעריבער האט ער א גרויסן חשק צו האבן א וויסנשאפט אין די תורה, כדי דאס ער זאל דורך דעם געננוי וויסן פון וועלכע זאכן ער מוז זיך צוריק האלטן. דאס הייסט דאס ער זאל אפט לערנען די דינים פון די מצוות. ווי אויך קוקן אין ספרי מוסר, (ווייל נאר דורך זיי וועלן זיינע אויגן געעפנט ווערן, ווי מען זאל דינען השי״ת, וועלכע אהבה מען זאל האבן ווען מען טיהט איין מצוה ווי גרויס די שמחה און חשק זאל זיין ווען מען איז זי מקיים. און ווי מעהר ער וועט זיך באשטרעבן צו קוקן

ספרי מוסר, אזוי וועט זיין יראה און אהבה צו השי״ת פיעל פארגרעסערט ווערן. דאס איין מענטש קען אזוי ווייט קומען דורך יראת שמים און מעשים טובים. דאס ער קען זיין גרעסער פון די מלאכי השרת, ווען חאטש דאס ער איז פון זיין ווארצל נאר פון ליים אויסגעפארעמט, קען ער זיך דאך אזוי ווייט דערהייבן און מקדש ומטהר ומזכך זיין, היילגען רייניגן טעסטעלירן אללע זיינע איברים דורך די ערנסטע און פייעריגע עבודה פון קיום המצוות) דאס ער זאל זיין איין וואנונג צו השי״ת און זאל פארדינען שתשרה עליו השכינה, דאס איז די אמתדיגע בילדונג וואס איין מענטש מוז זיך באשטרעבן דאס ער זאל צו איהר קומען.

אבער נישט א זאלכע בילדונג וואס עס קען נאר ניצן אבער שאדן פאר א זאלכע זאכן וואס זיי זענען נאר איין חיי שעה, און טוהן גורם זיין צו פאר פינסטערן דאס ליכט און דעם געשטאלט פין דער נשמה, וועגן דעם מאך איך אייך צו וויסן א יעדער פאטער און מוטער וואס זיי האבן נאך יראת שמים און ווילן דאס זייערע קינדער זאלן לערנען תורה און באשטרעבן זיך דערפאר, דאס זיי זאלן גיט וויסן, דאס נאר א זאלכע חכמות התורה איז טייער און חשוב ביי השי״ת, ווען זי איז פארקניפט און פארבינדן מיט יראת שמים. ווי עס איז אבער נישט דא קיין יראה, איז דער מענטש פיעל ווייט גליקליכער, ווען ער האט נישט קיין ידיעה אין תורה, וועגן דעם גיט איך אכט דאס אייערע קינדער זאלן נאר ביי אזוי א מלמד לערנען, וואס ער איז איין ירא שמים, און לערנט מיט זיי טעגליך ספרי מוסר, און זיי נאר אין אזאלכע ישיבות שיקן ווי דער רב טהוט זיך באשטרעבן צו לערנען מיט זיינע תלמידים תורה מיט ספרי מוסר. ווייל נאר זיי קענען גורם זיין דאס די יראת שמים און מדות טובות זאלן אין דעם מענטשנס הארץ איינגעווארצלט זיין, אבער תורה לערנען וועגן אנדערע אינטערעסן. נישט נאר דאס זי איז נישט ניצלעך נאר אויך געפערלעך ווייל תורה לערנען וואס זי איז נישט פארבינדן מיט יראה קען דעם מענטש פארפירן אויף זאלכע שלעכטע וועגן ווי די נשמה קען קומען צו מיתות עולם (פיעל מער זענען א זאלכע לומדי תורה איין שמערצליכער שעדליכער דארן פאר דעם געמיינעם פאלק וואס ווילן נאך יראת שמים, נאר היות ווי זיי האבן נישט קיין ידיעה אין תורה אזוי וויסן זיי נישט צו מאכן איין אונטערשייד צווישן אמתדיגע יראה און געפעלטשטע, אדער גאר צבועים, און ווייל זיי זעהן דאס דער,

אדער יענער, קען אויך לערנען תנו רבנן, און איז אויך איין מורינו, אין חאטש אזוי זענען זיינע מדות, און מעשים, און זיין רעדן, און זיין פירונג, בין אדם לחבירו צווישן איין מענטש אין דעם אנדערן, ובין אדם למקום צווישן דעם מענטש אין השי"ת, זייער ווייט פון די פירונג וואס די אמתדיגע צדיקים זענען דערויף מוכיח ומדריך שטראפן און אונטעררייכטן. גלויבן זיי ווייל ער איז אויך איין בן תורה, פאלגן מיר ליבער צו גיין נאך זיינע וועג) ווען אבער אז דער יסוד פין זיין ווילן תורה צו לערנען איז נאר וועגן יראת שמים, אזוי איז זי איהם איין סם חיים, איין קרייטער פון לעבן ווייל ווי מעהר ער לערנט אין די תורה, ווי גרעסער טהוט שטייגן דאס פייער צו אהבת השי"ת אין זיין הארץ.

## שאלה ו'

דורך וואס קען איין מענטש קומען דערצו דאס ער זאל זוכה זיין צו אמתדיגע יראת שמים.

## תשובה

ווייל א יעדער מענטש איז נאר בלוט אין פלייש, און פון זיין געבוירן ווערן אן האט ער אין זיך אללע שלעכטע מדות. גלוסטיגקייט צו געלט צו כבוד, צו גדולה, און דאס גלייכן. וואס ער קען קומען צו זייער פיעל עבירות דארך א יעדע מדה רעה אליין, און דערצו מיז די נשמה דאך שווערן, באפאר זי קומט אויף די וועלט צו זיין איין צדיק און נישט קיין רשע. מוז יא זיין דאס ווען א מענטש וויל קען ער באמת זיין א צדיק מיט וואס האט ער אבער כח דאס ער קען זיך פאר פיינערין און לייטערן פון זיינע מדות מגונות, איז דאס מיטל דערצו תורה לערנען, ווי די משנה זאגט, ווי עס איז נישט דא קיין תורה קען נישט זיין קיין יראת שמים (ווייל דורך די וויסנשאפט פון די תורה פארשטייט מען וואס עס איז דער אמתדיגער תכלית פון מענטש, אין דורך איהר ווערט דעם מענטשנס הארץ זייער אויפגעפייערט צו אהבת ה' ויראתו ליעבשאפט אין פארכט צו השי"ת, ביז עס קומט אזוי ווייט דאס דורך דעם גרויסן פייער פארלעשט זיך און פארלירט זיך דאס קליינע פייער פון די תאוות פון די וועלט וואס דער מענטש האט אין זיך, איבער דעם זאגן חכמינו ז"ל איין משל איינער איז

אראפגעפאלן פון זייער א הויכע מויער, און האט זיך געמאכט פיעל ווינדן איןביילן. אזוי איז געצוואונגען דער רופא וואס ער וויל איהם העלפן דאס ער מוז מאכן א היילמיטל אויף א יעדן ווינד און ארויף לייגן, אבער דער מענטש ווען ער איז ארויס געטרעטן פון דעם וועג פון אמת, און דורך דעם האט ער פאראומרייניגט פיעל פון זיינע איברים רוחניים פון זיין נשמה, וואס זיי זענען איין גייסטיגער מהות, זאגט השי"ת מיין קינד ווען דו ווילסט דאס דו זאלסט געהאלפן ווערן אזוי קאנסטו רייניגן אללע דיינע באשמיצטע גלידער דורך איין גליד. דהיינו דאס דו זאלסט פון יעצט אן הייליגן דיין אויער דאס עס זאל הערן אפט דברי תורה און מוסר, אזוי וועט דורך דעם פלאמענדיגן פייער פון די הייליגע תורה זיך פארלירן און אויף לעזן אללע דיינע תאוות וואס זיי קומען אהער פון דעם פרעמדן פייער און ווייל דער יצה"ר פארשטייט דאס גיט, אזוי זעט ער צו טאהן אללעס מעגליכעס, אפ צו רעדן די רשעים וואס ער האט זיי שוין פארפירט דאס זיי זאלן זיך דערווייטערן פון די תורה און תלמידי חכמים, און זאלן קיינמאהל נישט הערן איין אמתדיגע אויפקלערונג), דאס איז דער טעם וואס די מצוה פון תלמוד תורה וועגט איבער אללע מצוות, ווייל נאר דורך איהר האט מען כח צו האלטן מלחמה קעגן דעם יצה"ר, און מקיים צו זיין אללע מצוות. (דער באווייז אויף דעם איז, וואס מען זעט פאר זיך בעוה"ר טאג טעגליך פין א זאלכע מענטשן וואס זיי האבן אין זייער יוגענט נישט געלערנט קיין תורה. אבער צו לערנען תורה אהנע יראת שמים און ספרי מוסר, און דורך דעם זענען זיי דער וואקסן מיט אומגעצעהמטע מדות, צו וויפיעל עבירות די מדות רעות ברענגען זיי.) דאס איז אויך דער טעם וואס ביים יום הדין איז די ערשטע פראגע, צו ער האט געלערנט תורה. ווייל ווען אויך דאס עס זענען נאך פארהאנדן אנדערע גרויסע מצוות וואס זיי זענען זייער טייער און אכטונגס ווערט מוז מען דאך נאר צו ערשט פרעגן אויף תורה. ווייל מען וועט איהם ווייזן זיינע מעשים דאס ער האט געטאהן פארשידענע עבירות אזוי וועט ער זיך פארטיידיגן, דאס דורך פיעל צושטרייאונגען פון געשעפטן, און ווייל דעם מענטשנס טריעב איז פון יוגענט אן שלעכט, איז ער אהין געריסן געווארן, איבער דעם פרעגט מען איהם צו ער האט געלערנט תורה. ווייל דורך דעם בלייבט עם שוין נישט איבער גאר קיין איינווענדונג, מיט וואס ער קען

זיך אויסרעדן און רעכטפארטיגן ווייל דורך תורה לערנען ווערט דער יצה"ר געשוואכט, און מען זעט איין מעהר או מעהר. דאס אללע שאצן און רייכקייטן זענען נאר איין הבל נדף און די אהבת האמת צו די עבודת ה׳ ווערט ביי איהם תמיד געשטארקט*).

## שאלה ז׳

וואס איז מען אללעס שולדיג אן צו ווענדן און זיך צו באשטרעבן כדי צו דערלאנגען יראת שמים.

---

*) דו זאלסט מיך אבער נישט פרעגן, דאס מיר זעהן פאר די אויגן פיעל מענטשן, וואס זיי האבן איין ידיעה אין תורה און זיי זענען דאך פון די לייכט זיניגע מענטשן (עיי לעיל בכלל זה שאלה ד׳ בהגה) יעצט ווי קאנסטו מיז זאגן דאס תורה לערנען איז איין מיטל (תבלין) אויף דעם זאג איך דיר צוויי תירוצים. ערשטנס ווייל זיי לערנען נישט לשמה דאס הייסט דאס די כוונה פון זייער לערנען זאל נאר זיין דאס זיי זאלן האבן דורך דעם מעהר באגריף פון יראת שמים, כדי די מצות ה׳ מקיים צו זיין געטרייער.) צווייטנס נאר די סארט תורה וואס עס ווערט אן גערופן מים דאס זענען די אגדות פון ש"ס, אין מדרש, און זוהר, וואס זיי זענען דער גרונד פון אללע ספרי מוסר נאר זיי האבן דעם כח איינצופרעגן אין דעם מענטשנס הארץ יראת שמים, און נישט נאר געמיינע יראה נאר אויך פייעריגע פלאמענדיגע יראה, אזוי דאס דער יעניגער וואס ער האט נישט קיין וויסנשאפט פון אגדות, קען נישט זוכה זיין צו די אמתדיגע יראת שמים, נאר ווייל השי"ת פארלאנגט נאר פון איין יעדן מענטש ער זאל איהם דינען נאר מיט דעם וואס עס שטייט אין זיין כח דען נישט א יעדערער קען זיין א גדול הדור וואס ער האט געלערנט ש"ס ופוסקים בעיון, נישט א יעדער קען זיין איין למדן, דאס ער זאל פארשטיין (שקלא וטריא, והויות דאביי ורבא), אבער... דאס ארטיקל תורה וואס עס ווערט אנגערופן מים, דאס זענען די אגדות, מדרש, עין יעקב, זוהר צו לערנען דאס קען יא א יעדער (און ווען ער איז אויך אלץ ארימער יתום דערצויגן געווארן דאס ער קען נישט קיין לשון קודש, אזוי קען ער יא א זאלכעס לערנען ווען עס איז איבער געזעצט אויף יידיש טייטש, און דורך דעם קען ער ווערן איין גרויסער ערליכער יוד) איבער דעם איז די ערשטע פראגע ביים יום הדין פוטר מים, ווייל נאר די תורה וואס עס ווערט אן גערופן מים איז איין גרויסער שליסל צו די גאנצע יודישקייט, אין פון די סארט תורה זענען די קלי הדעת דערוואַרעט.

## תשובה

ווען דו ווילסט וויסן דאס חשיבות און דעם גרויסן טייערן ווערט פון יראת שמים, אזוי קענסט דו עס זעהן פון צוויי זאכן, ערשטנס היות דער גאנצער צוועק פון באשאפן די וועלט איז נאר וועגן די תורה, און דער גאנצער צוועק פון תורה לערנען איז נאר דאס מען זאל דורך איהר דערגרייכן יראת שמים, ווי די תורה זאגט (מה ה׳ שואל כי אם ליראה) וואס פארלאנגט דען השי״ת פון דיר, נאר דאס דו זאלסט האבן יראה, צווייטנס היות השי״ת האט באשאפן אלפי אלפים רבבות עולמות פיעל מליאנען וועלטן (ווייל א יעדער שטערן איז איין באוואנטע וועלט) און חאטש אזוי זאגט דער פסוק יראת ה׳ היא אוצרו, ר׳ אליעזר בר ׳שמעון זאגט אין לו להקב״ה בעולמו אלא יראת שמים בלבד דאס די אמתדיגע יראת שמים שטייט ביי השי״ת אין אזוי איין גרויסן און טייערן ווערט, דאס ער באהאלט זי אין זיין שאץ קאמער.

יעצט היות ווי איין יעדער מענטש האט איין רייץ און גלוסט צו רייכטום און פארמעגן און ווען ער קען דערגרייכן א זאלכע טייערע זאכן וואס מלכים באשטרעבן זיך דאס זיי זאלן האבן א זאלכע זאכן אין זייער שאץ קאמער אין עס ווערט גענומען אין סגולות מלכים, אזוי שעצט ער זיך גליקליך, יעצט פארוואס זאל זיך איין מענטש נישט באשטרעבן, און אלעס מעגליכעס אן צו ווענדן דערויף צו דערלאנגען איין זאלכע סגולה וואס דער מלך מלכי המלכים הקב״ה לייגט אין זיין שאצ קאמער, דאס איז געמיינט די יראת שמים וואס דער פסוק זאגט אויף איהר יראת ה׳ היא אוצרו (ר׳ יונה).

## שאלה ח׳

ווי ווייט קען זיין די אהבת ה׳ ביי איין ערליכן יוד.

## תשובה

ווען די ווילסט וויסן, ווען די אהבת ה׳ ואהבת התורה והמצוות איז אמתדיג, ביי דעם ערליכן יוד ווי ווייט זי קען קומען, (דאס דו זאלסט דורך דעם זיין איבערצייגט, דאס דורך די גרויסע אהבה צו די יודישקייט מקיים צו זיין, ווערט דער מענטש אזוי אויפגעפייערט און באגייסטערט, דאס דורך דעם, די קלענערע פארשידענע אלערליי אהבות, נישט נאר זיי ווערן נישט געדענקט נאר אויך אין גאנצן פארלאשן) זאלסט דו דיר נעמען איין מוסטער און

באוויז פון אונזער פאטער יעקב היות ווי די גרעסטע אהבה פון די וועלט פון עניני עולם הזה, איז די ליעבע פון איין פאטער אויף זיין זון, פיעל מעהר ווען דער זון איז איין בן חכם וירא אלקים. ער איז קלוג און האט מורא פאר השי״ת, פיעל מעהר ווען די גדולה און הצלחה פון זיין זון האט איהם אזוי ווייט באגליקט, דאס ער איז געווארן איין מלך, פיעל מעהר ווען איין פאטער האט נישט געזען זיין זון פיעל לאנגע יאהרן. פיעל מעהר ווען ער זעט איהם נאך פיעל יאהרן וואס ער איז שוין געוועזן אין צווייפל אויב ער לעבט. פיעל מעהר ווען דאס אללעס טרעפט זיך צוזאמען אויף איין מאהל, איין זון וואס ער איז איין חכם וירא אלקים. און איז געווארן איין מלך, און האט איהם איין לאנגע צייט נישט געזעהן, און איז שוין געוועזן אין צווייפל צו ער לעבט נאך, יעצט ווען די צייט קומט, דאס דער פאטער קען זעהן איין זאלכן זון, איז דען פארהאנדן אין דער וועלט איין זאך, ווען זי איז ווי גרויס, וואס זאל איהם קענען צוריק האלטן. פון די אהבה דאס ער זאל זעהן זיין זון. און האטש אזוי דערציילט די תורה, דאס ווען יוסף איז איהם אנטקעגן געגאנגען איז יוסף געפאלן אויף זיין פאטערס האלז און געוויינט און געקושט, אבער יעקב אויף יוסף האלז איז נישט געפאלן, און נישט געוויינט און נישט געקושט, ווייל ער האט דעמאלט מקיים געוועזן די מצוה פון קריאת שמע.

## שאלה ט׳

אויב תורה לערנען אדער מצוות טאן קען גורם זיין ביי דעם מענטש איין (נחת רוח) און א פארגנוגן בשעת מען איז זיי מקיים אדער נישט.

## תשובה

דו זאלסט וויסן דער אמתדיגער ירא שמים, ווען ער גייט מקיים זיין איין מצוה. אבער תורה לערנען. אזוי איז ער נישט איבעראיילט דערצו, נאר ער גייט פריער אין איין עקסטערע צימער, ווי ער קען זיך דארט מתבודד זיין אומגעשטערט, דאס הייסט זיך צו זאמען נעמען זיינע אללע געדאנקן, כדי זיך איבערצולייגן די גדולה. גרויסקייט, און דאס רוממות דערהויבנקייט פון השי״ת, דאס זיין טיטל איז נאר לך דומי׳ צו שווייגן, ווייל דער מענטש איז נישט אין שטאנד צו זאגן זיינע אומצייליגע שבחים, לויב, ווי אויך דעם גרויסן ווערט פון די תורה, און דאס השי״ת האט נאר אונז אויס דער וועלט פון אללע פעלקער. דאס מיר קענען מקיים זיין די

הייליגע תורה, און דורך דעם זענען מיר מעהר דער הויבן ווי די מלאכים, דאס די מלאכים מוזן ווארטן מיט זייער שיר צו השי״ת ביז די ישראל זענען פארטיג מיט זייער קריאת שמע און תפלה און די ישראל דורך דעם וואס זיי זענען מקיים די תורה און מצוות, דורך דעם איז כל שתה תחת רגליו, זענען פאר זיי אונטערגעגעבן אללע ברואים מעלה ומטה דהיינו דאס די מלאכים, די זין און די לבנה, און אנדערע מזלות פלאנעטין, מיזן פאר זיי געהארכזאם זיין. אזוי ווייט דאס איין אמתדיגער צדיק האט איין זיין כח צו פארשטערן אלערליי גזירות קשות, און צו ברענגען אויף די וועלט טובות אין ישועות ונחמות, יעצט ווען איין מענטש פארגעסט נישט דאס ער איז נאר אויס ליים געפארעמט. און דאך קען ער דורך די תורה און איהרע הייליגע מצוות אזוי ווייט קומען. אזוי ווען עס האט נאר פריער געגליעט איין פינק פון אהבת ה׳ אין זיין הארץ אזוי מיז עס יא דורך א זאלכע איבעלייגונג און נאך דענקען אויף פלאמען ביז עס קומט אין א זאלכן גראד פון רשפי אש שלהבת י־ה אשר מים רבים לא יוכלו לכבות את אהבה פייער פון דעם הימל וואס ווערט נישט פארלאשן פון וואסער (אזוי דאס ער פארגעסט דאמאלט אללע זיינע צרות און זארג פון עניני עולם הזה) ווייל דאס איז בחון וברור בדוק ומנוסה, אויף דעם האט מען איין פעסטע איבעצייגונג דאס ווען איין מענטש איז זוכה צו אזוי א שעה, דאס ער פיהלט און שפירט נאך דעם התבודדות און איז אליין איבערצייגט פון די זיסקייט פון דעם קיום המצוה ולימוד התורה, דאס עס איז ביי איהם גורם דאס זיינע אויגן נידערן אום צייליגע טרערן פאר שמחה. דאמאלט ווערט ער אזוי בגייסטערט, און ער שפירט איין אויסער געוועגדליכע שמחה אין זיין הארץ, אזוי ווייט דאס ער וואלט זיך ליבער געווינטשן כל ימי חייו לחזור על פתחים ולילך יחף זיינע גאנצע לעבנס צייט בלויס פיסיג בעטלען צו גייך, נאר דאס השי״ת זאל איהם געבן די זכי׳ א יעדן טאג מיט אזוי איין מדריגה מיט אזוי שמחה, מיט אזוי אהבה עזה גרויסע ליעב דאס ער זאל מרגיש זיין נעימות מצוותיו הטהורים די אנגענעהמע פיינהייט פון די ריינע מצוות, דעמאלט ווען ער איז מקיים די מצוות, ווי איידער ער זאל זיין א מלך אויף די גאנצע וועלט נאר די השגות אהבת התורה ומצותיה זאל ער נישט האבן אזוי דאס ער שעצט זיך גליקליך א יעדן טאג פון זיין לעבן, ווייל ער איז איין יוד און קען עובד ה׳ זיין און מקיים מצוות זיין.